ב"ה
a

'יבואו טהורים ויתעסקו בטהורים'

# אמרות טהורות

געקליבענע **'אמרות טהורות'** שזכינו לשמוע מאת **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**
ערקלערט און באארבעט אין אידישן שפראך

**גליון פ"ו נח תשע"ו**

## ללמוד וללמד

### יעדע דור מיט זיין מצוה צו מתקן זיין

דער 'נועם אלימלך' אויפ'ן פסוק 'איש צדיק תמים הי' בדורותי"ו' פרעגט: לכאורה וואלט דאך געדארפט שטיין בדור"ו. איז ער עס מבאר באופן פלא, אז אין יעדע דור איז דא איין ספעציעלע מצוה וואס יענע דור דארף באזונדערס מתקן זיין און מקיים זיין.

ער שרייבט: אין אונזער דור - דאס איז דער דור פון הרה"ק ר"ר אלימלך זי"ע - איז די מצות הדור וואס מען דארף מתקן זיין, מצות ציצית. דאס שטייט דא ביי נח, 'תמים היה בדורותי"ו' אז אין אלע דורות וואס נח האט געלעבט האט ער מיט א גאצקייט מתקן געווען אלע מצוות וואס מען האט געדארפט מתקן זיין אין די אלע דורות.

### עבודת ה' מיט שמחה אפילו אין אזא דור

דער 'מאור ושמש' אויפ'ן 'פסוק תמים היה בדורותיו' איז מדייק, פארוואס שטייט תמים הי"ה בדורותיו, די הי"ה זעט אויס ווי איבריג. זאגט ער, ס'איז ידוע אז 'אין והי' אלא לשון שמחה' און שמחה איז אן עיקר גדול אין עבודת ה'. אן שמחה קען מען נישט דינען דעם אייבערשטן ווי עס דארף צו זיין. פאר א צדיק זעט שטענדיג אויס אז ער טוט ממעט זיין אין עבודת ה', ממילא האט ער בטבע אביסל עצבות פון זיין אומצופרידנקייט, דערפאר דארף ער זיך שטענדיג מחזק זיין צו זיין תמיד בשמחה.

נאכמער פון דעם. ביי א צדיק איז זיין גאנצע רצון אז עס זאל נתגלה ווערן כבוד שמים ביי אלע מענטשן פון די וועלט, אז אלע זאלן טון נאר א נחת רוח פאר'ן באשעפער. ווען ער זעט אבער אז די מענטשן פון זיין דור גייען נישט בדרך ה', זיי דערצערענען השי"ת, און זיי זענען עובר אויף זיין רצון, ווערן זיי צוליב די מעשים פון די בני הדור בעצבות. זיי זעען דאך אז די גאנצע סביבה איז נישט ווי עס דארף צו זיין. די מעשים פון בני דורם טוט זיי זייער ברענגן צו עצבות.

דערפאר דארפן זיי זיך אויף דעם מחזק זיין און דינען דעם אייבערשטן מיט שמחה אין יעדן מצב וואס זאל נאר זיין. אויך אין א גאר שווערן און שוואכן מצב פון דער דור דארף מען זיין געווארנט נישט אריינצופאלן אין עצבות.

עצבות איז א דבר אסור. דאס קען ברענגן א מענטש צו די ערגסטע זאכן אזוי ווי עס שטייט אין ספר הישר לרבינו תם. אזוי טאקע האט נח געטון, אויך ווען ער האט געזען מעשי דורו און עס האט אים געקענט ברענגען צו עצבות האט ער זיך מחזק געווען און געווען בשמחה.

דאס זאגט די פסוק 'איש צדיק תמים הי"ה בדורותיו', 'אין והי' אלא לשון שמחה'. די תורה פארציילט די שבח פון נח אז אויך אין זיינע דורות וואס אנשי דורו האבן דאך דערצערנט כביכול דעם אייבערשטן, מיט דעם אלעם האט ער זיך מחזק געווען און געדינט דעם אייבערשטן מיט שמחה. - ער איז דארט מאריך אין דעם.

### זיי צושפרייטן צוליב זייער שקר

אין 'ראשי בשמים' איז דא א מורא'דיגע ווארט אויפ'ן פסוק 'ויהי כל הארץ שפה אחת ודברים אחדים'. רש"י זאגט וואס איז די חילוק צווישן דור המבול און דור הפלגה. פארוואס דור המבול איז געווארן מחויב אינגאנצן צו פארלענדעט ווערן און דור הפלגה נישט?

## יומא דהילולא

### ג' חשון
### הרה"ק מרוזשין זי"ע

[דריטער טייל]

איך האב אמאל געהערט פון הרב החסיד ר' מרדכי הערש שמערלער ז"ל, אז ס'איז געווען א איד ר' נתן שמעון וואס מתחילה האט ער זיך נישט געפירט בדרכי התורה. ער פלעגט צו שפילן קארטן צוזאמען מיט פאליציי לייט און גרעניץ וועכטער. זיין ב"ב איז יא געווען אן ערליכע אידענע און א צנועה.

זיי האבן נישט געהאט קיין קינדער. האט מען געזאגט פאר דעם נתן שמעון אז ער זאל פארן צו הרה"ק ר' מאיר מפרעמישלאן זי"ע וואס ער איז געווען מפורסם פאר א גרויסער בעל מופת. דער נתן שמעון האט אבער געזאגט ער פארט נישט. ער האט נישט געהאלטן דערביי... וואס ווער ווי רבי'...

צום סוף האט זי מחליט געווען אז זי וועט אליינס פארן צו הרה"ק מפרעמישלאן. געלט האט זיי נישט געפעלט, האט זי געזאגט פאר איר משרת אז מען זאל מיטנעמען געלט פאר'ן רבי'ן. האט דער משרת געפרעגט זאל איך נעמען צוויי קערבעלעך  אדער דריי קערבעלעך (מיני מטבעות), האט די פרוי געענטפערט וואס איז א חילוק פאר דעם רבי'ן צוויי קערבעלעך אדער דריי.

ווען זיי זענען אנגעקומען אין שטוב פון הרה"ק ר' מאיר מפרעמישלאן זי"ע און זיי האבן נאר אריינגעטרעטן ביים שוועל, האט ר' מאיר'ל זיך אנגערופן: וואס איז א חילוק פאר מאיר'ל צוויי קערבלעך אדער דריי קערבלעך... זי איז זייער פארוואונדערט געווארן, זי האט געזען 'אז ער איז עפעס'.

ר' מאיר'ל האט איר געפרעגט: פארוואס ביסטו געקומען? האט זי געענטפערט אז זי האט נישט קיין קינדער. האט ער איר געפרעגט: וואו איז אייער מאן? האט זי געענטפערט אז ער וויל נישט קומען. האט ער איר געזאגט: זאג אים אז איך האב באפוילן אויף אים אז ער זאל קומען. טאמער וועט ער נישט וועלן קומען, זאג אים וואס דו האסט דא געזען. און אויב מיט דעם אלעם וועט ער נישט מסכים זיין צו קומען, דעמאלטס זאלסטו אים זאגן אזוי און אזוי האט ער געטון אויף יענע און יענע פלאץ. איך וויל גארנישט זאגן מער ווי לאנג ער קומט...

א כלל. זי איז אהיימגעגאנגען און גענומען בעטן ביי אים אז ער זאל קומען. זי האט אים געזאגט דער רבי האט געהייסן זאלסט קומען, אבער ער האט זיך נישט צוגעהערט צו אירע ווערטער. ערשט ווען זי האט אים געזאגט וואס דער רבי האט אויף אים געזאגט אז ער האט אזוי און אזוי געטון אויף יענעם און יענעץ פלאץ, דעמאלטס האט ער זיך אנגערופן: די זאך ווייסט דאך קיין איינציגער נישט, און אז ער ווייסט דערפון וועל איך גיין צו אים.

די ווערטער וואס זי האט אים איבערגעזאגט פון ר' מאיר'ל מפרימישלאן האט אים שטארק איבערגענומען. עס איז אין אים טיף טיף אריינגעגאנגען און עס האט אים איבערגעוואויגן אז ער זאל מסכים זיין צו פארן צום רבי'ן.

ווען ער איז אנגעקומען צו הרה"ק ר' מאיר מפרימישלאן זי"ע האט ער שוין געבעטן א סדר התשובה אויף זיינע מעשים. ר' מאיר'ל האט אים געגעבן א וועג ווי אזוי ער זאל תשובה טון און ער האט אים אויך צוגעזאגט קינדער. דער איד נתן שמעון האט דארט באשלאסן נישט צוריקצוגיין שפילן קארטן מיט די פאליציי לייט און די גרעניץ וועכטער. אבער ר' מאיר'ל האט אים געזאגט: ניין, איך דארף דיר נאך האבן דארט... זאלסט נאכנישט אינגאנצן אויפגעבן...

יענע צייט איז הרה"ק מרוזשין זי"ע געזעצן אין תפיסה. מען האט זיך אסאך משתדל געווען אים ארויס צו ראטעווען פון רוסלאנד. האט ר' מאיר'ל געזאגט פאר דעם נתן שמעון, ס'וועט זיין איין נאכט וואס מען וועט ברענגן א איד, א איד אבער א איד! וואס וועט זיך דארפן אדורכשמוגלען דעם גרעניץ. דארף איך דיך דארט האבן אז דו זאלסט

ווייל ביי דור המבול איז דאך ארויסגעקומען די גזר דין וועגן גזל, דאס מיינט אז ס'איז געווען מחלוקת צווישן זיי. אבער ביי דור הפלגה איז געווען 'כל הארץ שפה אחת ודברים אחדים'. זאגט די ראשי בשמים, דאס קומט אונז צו לערנען די גרויסקייט פון שלום וואס האט באשיצט אויף זיי. און כאטש אין הארץ זענען זיי בכלל נישט געווען באחדות ווייל עס שטייט דאך 'שפה אחת', ס'איז נאר געווען בפה מיט'ן מויל אבער נישט מיט'ן הארץ. פונדעסטוועגן דאך איז גרויס דאס ענין פון שלום. - א מורא'דיג ווארט.

ער פירט אויס: פאר דעם האט דער אייבערשטער געזאגט 'הבה נרדה ונבלה שם שפתם' ווייל 'דובר שקרים לא יכון לנגד עיני', דער וואס רעדט ליגנט קען נישט רוען קעגן דעם אויגן פון אייבערשטן, און ביי זיי איז דאך דאס רעדן באחדות געווען א שקר.

## זיי צושפרייטן צוליב זייער גאוה

אויפ'ן זעלבן פסוק 'ויהי כל הארץ שפה אחת ודברים אחדים', די דור הפלגה האט געהאט איין שפראך, האט הרה"ק מרוזשינער זי"ע געזאגט: אמת'דיג זענען זיי נישט געווען באחדות, ס'נאר געווען מן השפה ולחוץ. אינדרויסן מיט זייער מויל האבן זיי גערעדט אחדות'דיג אבער אין זייער הארץ זענען זיי נישט געווען באחדות. נאר איינער האט זיך געהאלטן גרעסער ווי דעם אנדערן,

דערפאר האט דער אייבערשטער געזאגט, וויבאלד פיהם ולבם איז נישט געווען גלייך, איינער האט זיך געהאלטן גרעסער ווי די אנדערע. 'הבה נרדה ונבלה שם שפתם', לאמיר אראפגיין און דארטן צומישן זייער שפראך.

ווייל מיר ווייסן דאך אז ווען עס קומט צו גאוה זאגט דער רבש"ע 'אין אני והוא יכולין לדור במדור אחד' איך קען נישט וואוינען אינאיינעם מיט איינעם וואס האלט זיך גרויס. מוז מען דאך דא די דור הפלגה צוטיילן און צושפרייטן.

## ס'זאל זיין א מבול מוז נח ניצל ווערן

אין הפטרה שטייט: 'כי מי נח לי זאת'. ברענגט דער 'עבודת ישראל' פון זוהר הק', אז עס ווערט אנגערופן 'מי נח', ווייל נח האט נישט מתפלל געווען אויף זיין דור. דעריבער איז די מבול געקומען, ווערט עס גערופן על שמו. פרעגט ער, ווי אזוי קען דאס זיין אז במשך 120 יאר פון בויען די תיבה זאל ער נישט האבן מתפלל געווען אויף די מענטשן פון זיין דור?

איז ער דאס מבאר באופן פלא. ביי הקב"ה איז געווען א זיכערער זאך אז ס'מוזן זיך ציען דורות פון אדם הראשון ביז די אבות הקדושים. ער איז מאריך דאס אויפצו ווייזן מיט ראיות. איז אויב וואלט נח נישט געקענט געראטעוועט ווערן פון דער מבול וואלט קיין מבול נישט געקענט זיין, ווייל ס'מוז דאך זיין אן המשכת הדורות. קומט אויס, נאר מיט דעם וואס נח איז געראטעוועט געווארן פון דער מבול, האט די מבול געקענט פאסירן. דעריבער ווערט עס אנגערופן אויף זיין נאמען 'מי נח'.

זאגט דער 'עבודת ישראל': חז"ל זאגן, אז נח געקומען צום תיבה אין מיט'ן טאג פאר די אויגן אלע מענטשן כדי די רשעים זאלן נישט זאגן: אויב מיר וואלטן אים געזען אריין גיין וואלטן מיר אים גע'הרג'ט. לכאורה זענען דאך זיי קיין גרויסע טפשים נישט געווען. איז וואס א תועלת וואלטן זיי געהאט פון הרג'נען נח?

אבער מיט'ן פריערגעזאגטן פארשטייען מיר עס. אויב זיי וואלטן מצליח געווען צו הרג'נען נח וואלט דאך ווען נישט געקענט זיין די מבול. די אנשי הדור וואלטן געדארפט בלייבן לעבן כדי ס'זאל קענען זיין אן המשכת הדורות ביז די אבות הקדושים. דאס איז געווען זייער חשבון- ס'איז א פלא'דיג ווארט.

זען גוט צו פארשפילן די גרעניץ וועכטער אין א קארטן. זאלסט זיי געבן צו טרינקן אז זיי זאלן ווערן אנגע'שיכור'ט אז דער איד זאל קענען אריבערגיין דעם גרעניץ. ווען דו וועסט האבן געטון די זאך דעמאלטס קענסטו דיך צוריקציען פון שפילן די קארטן און דאס אויפהערן צו טון, און אהיימגיין צוריק צו דיין שטאט.

דער איד האט מסכים געווען און אלץ גענומען אויף זיך. אזוי איז טאקע געווען. ער איז צוריקגעגאנגען דארטן נעבן די וועכטער ביים גרעניץ און געשפילט מיט זיי. ביז ער איז איין נאכט געוואויר געווארן אז דער הייליגער רוזשינער דארף איצט אריבערגיין דעם גרעניץ, און ער האט געהאלפן דעם הייליגן רוזשינער ארויסצוגיין פון רוסלאנד צו קענען אנקומען אונטער די די אויסטרייכישע ממשלה (וואס האט דאן געהערשט אויך איבער דער שטאט סאדיגורא, וואו דער רוזשינער איז געפארן זיך באזעצן).

הרה"ח ר' מרדכי הערש האט מיר פארציילט, אז ער האט געזען ביי זיין טאטן דעם ספר שערי ציון פון זייער זיידע הרה"ק מפרימישלאן זי"ע וואו ביי תיקון חצות איז געווען געשריבן אויף יעדן בלעטל דער נאמען נתן שמעון בן יהודית מרים להצלחה. דער הייליגער ר"ר מאיר'ל האט יעדן אויפדערנאכט מתפלל געווען אז דער איד זאל מצליח זיין צו קענען אריבערפירן דעם הייליגן רוזשינער דעם גרעניץ.

ווען הרה"ק דער שווער זצוק"ל איז געווען אין דער שטאט דארניוואטע, איז דער בעל אכסניא געווען א איד וואס זיין נאמען איז געווען נתן שמעון. ער איז געווען אן אייניקל פון יענעם נתן שמעון וואס האט באקומען די ברכה פון ר' מאיר'ל מפרימישלאן צו האבן קינדער און האט זוכה געווען אריבערצופירן דעם הייליגן רוזשינער זי"ע.

* * *

איך האב געהערט פון הרה"ח ר' דוד ווערנער ע"ה אז ווען דער הייליגער רוזשינער איז ארויסגעקומען פון רוסלאנד אנצוקומען אויף סאדיגורא, איז ער דעמאלטס געפארן צו א דאקטאר אין דער שטאט לעמבערג. דאס איז געווען אין א מאנטאג און אלע תושבי העיר וואס האבן אים נאך נישט געהאט געזען זענען געקומען אים זען און נעמען שלום.

דער הייליגער רוזשינער האט זיך דארטן נישט צו לאנג אויפגעהאלטן. דינסטאג איז ער שוין אוועקגעפארן. ווען די אידן אין שטאט האבן געהערט אז ער פארט אויף סאדיגורא, זענען זיי מיטגעפארן מיט וועגעלעך אויפ'ן וועג. עס איז געווען אזויפיל וועגעלעך אז מען האט נישט געקענט פארן שנעל און יעדע קילאמעטער האט געדויערט שעות.

צווישן לעמבערג און סאדיגורא איז דא א קליין שטאט גאלינע. די מענטשן פון יענער שטאט האבן זייער געוואלט אז דער הייליגער רוזשינער זאל בלייבן ביי זיי אויף שבת. האבן זיי ארויסגעשיקט א משלחת חשובה צו מקבל פנים זיין דעם רוזשינער. זיי זענען ארויסגעפארן מיטוואך און זיך דורכגעשטופט צווישן דעם גרויסן עולם וואס האט באגלייט, און גענומען שלום. אבער ווען זיי האבן געוואלט איינלאדענען דעם רוזשינער צו קומען זיין ביי זיי אויף שבת, זענען זיי אוועקגעשטופט געווארן צוליב דעם גרויסן שטראם פון דעם עולם. זיי זענען צוריקגעקומען אין שטאט מיט ליידיגע הענט.

צומארגנס דאנערשטאג האט מען געשיקט א פרישע משלחת, און מען האט זיי אנגעזאגט אז זיי זאלן זיך נישט לאזן און זאלן זען אנצוקומען צום רוזשינער און אים לאדענען אויף שבת. זיי האבן אזוי געטון, זיי האבן גענומען שלום פון רוזשינער. באלד האבן זיי אים געפרעגט אויב ער איז מסכים צו זיין אויף שבת ביי זיי אין גאלינע. האט דער רוזשינער זיי געפרעגט למאי נפקא מינה, האבן זיי געזאגט צו קענען אנגרייטן דעם שבת. האט ער זיי געפרעגט וואס ווילט עטס אנגרייטן, האבן זיי געענטפערט? פיש, פלייש, חלה. האט דער רוזשינער זיי געזאגט איך האב מורא אז קיין ברויט וועט איר אויך נישט האבן גענוג.

די מענטשן פון גאלינע זענען אהיימגעקומען און אנגענומען אז דער הייליגער רוזשינער וועט זיין ביי זיי אויף שבת. עס איז נאר נתעורר געווארן א שאלה אין וועלכע אכסניא וועט ער איינשטיין. גאלינע איז געווען א קליין שטעטל מיט נידריגע הייזקעלעך און דער דרך פון רוזשינער איז דאך געווען מלכות. האבן זיי מחליט געווען, אז די אכסניא וועט זיין ביי איינע פון די גרויסע עשירים פון שטאט וואס ער האט יא א גרויסער הויז.

ווי אזוי איז אויסגעקומען אז אין דעם קליינעם שטעטל זאל זיין דער גרויסער הויז? דאס איז געשען צוליב א מעשה שהיה: דער עושר, א פרימישלאנער חסיד, האט געוואלט בויען פאר זיך א הויז און איז געפארן צו זיין רבי'ן נעמען רשות אויף דעם. האט אים דער רבי ר' מאיר'ל אויסגעשטעלט דעם פלאן פונעם הויז און געזאגט ווי אזוי עס זאל געבויט ווערן. דער איד האט עס געגעבן פאר אן ארכיטעקט און נאכן עס באקוקן האט אים דער ארכיטעקט געזאגט: דאס צו בויען וועט עס אויסקומען צוויי טויזענט רויטע (א טייער סארט מטבע).

דער עושר איז דערפון דערשראקן געווארן. ער האט נישט געוואלט בויען אזא גרויסע הויז בלויז פאר זיך און פאר זיין משפחה. איז ער וועגן דעם צוריקגעפארן צום רבי'ן. האט אים דער רבי געזאגט: איך באפעל דיר צו בויען אזא הויז ווייל עס וועט דיר אמאל צונוץ קומען. יעצט האט דער חסיד פארשטאנען אז דורכדעם קען ער יעצט אריינעמען ביי זיך אין שטוב דער הייליגער רוזשינער. [אויספיר פון דעם סיפור אי"ה קומענדער וואך].

זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.

**פאר הערות און אנמערקונגען וועגן 'אמרות טהורות' רופט אריין צו: 347-742-1399**
**אדער גיט עס איבער פאר'ן מלמד מוה"ר שמואל זאנוויל אוסטערליץ הי"ו**